## מיטוואָך דעם 27סטן אויגוסט 1941

ענדלעך שוין מיטגעמאַכט דעם ערשטן אַרבעטסטאָג. געפֿירט ציגל אין אַ טאַטשקע, אויסגעקערט אַ הויף, געאַרבעט אין אַ מאַגאַזין. און דער עיקר, צום ערשטן מאָל געגאַנגען פֿרײַ איבער דער גאַס... געגאַנגען מיט אַ שײַן!

לעצטנס איז אין ווילנע אַ נײַע מאָדע:

די טעג זענען געקומען אין הויף פֿון ייִדן־קאָמיטעט דײַטשן מיט אַ גרוזאָוויק און פֿאַרלאַנגט 5 ייִדן. זיי זענען אַוועק מיט אַ פֿינפֿטל און, ווי מיר האָבן שוין דערציילט, מען האָט זיי שוידערלעך צעשלאָגן.

וואָס איז מיט זיי אָפּגעטאָן געוואָרן?

די ייִדן האָט מען אַרויסגעפֿירט אין אַ וואַלד בײַ פּאָנאַר און זיי געמאַקלט וויפֿל עס איז אַרײַן.

אַ טאָג שפּעטער ווידער געשען אַ פֿאַל. 2 דײַטשן האָבן זיך אויסגעקליבן 2 ייִדן, זיי אַוועקגעפֿירט און נאָך עטלעכע שעה זיי צוריקגעבראַכט האַלב־טויטע. אויפֿן הויף פֿון ייִדן־קאָמיטעט האָבן זיך די דײַטשן געגרייסט, אַז דאָס טוען זיי דערפֿאַר, וואָס צוליב די „דרעקישע ייִדן" קענען זיי נישט פֿאַרענדיקן דעם קריג... זיי מאַכן דאָס צוליב... פּערסיע [?] און זיי וועלן נאָך מער אָנטאָן די ייִדן...

אַ נײַע מאָדע, ווי איר זעט, אַ פּערסישע!...

אַן אינטערעסאַנטער פֿאַל: אויפֿן באַנהויף אַרבעטן אַ סך ייִדן בײַ צוואַנג־אַרבעט. הײַנט האָט מען דאָרט געבראַכט אַ סך געפֿאַנגענע. אַ ייִד האָט גענומען קלײַבן עסן צווישן די אַרבעטנדיקע, און אַ קריסט, וואָס היט צו די אַרבעט פֿון ייִדן, האָט דאָס אויפֿגעקליבענע עסנוואַרג איבערגעגעבן די באָלשעוויקעס. וועגן דעם פֿאַקט האָט מען אַ גאַנצן טאָג גערעדט צווישן די אַרבעטנדיקע ייִדן.

ווי איך דערוויס זיך איז נח פּרילוצקי[65] שוין מער נישט אין לוקישקי. מען איז זיך משער אַז מען האָט אים ערגעץ ווּ פֿאַרשיקט אויף אַרבעט...

אַ שווערן אײַנדרוק האָט דאָ געמאַכט די ראַדיאָ־ידיעה, אַז געשטאַפּאָ זאָל אין לעמבערג האָבן דערמאָרדט דעם פּראָפֿ' באַרטעל, דעם אַמאָליקן פּוילישן פּרעמיער.

נאָך אַן אינטערעסאַנטע געשיכטע: צו מײַן באַקאַנטן, אַ שלאָסער־מעכאַניקער, קומט אָפּט אַ קריסטלעכער חבֿר, אויך אַ מעכאַניקער. לעצטנס האָט ער אים גענומען אין אַ ווינקל און בײַ אים געבעטן אַ שליסל צו מוטרעס.

---

[65] געקומען קיין ווילנע אין 1939 נאָכן אויסבראָך פֿון דער מלחמה. אָרגאַניזירט אַ היסטאָרישע קאָמיסיע צו פֿאָרשן דעם נאַציש חורבן אין פּוילן. בעת ווילנע איז געוואָרן ליטוויש און שפּעטער, ווען ליטע איז סאָוועטיזירט געוואָרן, האָט ער פֿאַרנומען דעם אַמט פֿון פּראָפֿעסאָר פֿון ייִדישער ליטעראַטור אין ווילנער מלוכישן אוניווערסיטעט. וועגן זײַן אַרבעט אין דעם אַ"ג „ראָזענבערג־שטאַב" (זען ווײַטער) און זײַן אַרעסט געפֿינען זיך פּרטים בײַ קאַטשערגינסקין, דצ"ו, זז' 303—304, און בײַ סוצקעווערן, ווילנער געטאָ, ז' 108.



דער באַקאַנטער האָט פֿון אים אַרויסבאַקומען, אַז דאָס גרייט ער זיך אויף צו קענען בײַ אַ געלעגנהייט... אויפֿשרויפֿן די שינעס.

וואָס מיינסטו — האָט ער אים געזאָגט — מיר וועלן שווײַגן?...

אין ווילנע גיט מען הײַנט איבער פֿון מויל צו מויל, איך האָב גערעדט מיט איינעם וואָס האָט עס אַפֿילו געזען, די ידיעה איז אַלזאָ אַ זיכערע. דאָ אין שטאָט האָט מען נעכטן און הײַנט, צווישן נאָענטע און באַקאַנטע, געטיילט פּאַפּיראָסן... אין די פּאַפּיראָסן האָבן זיך געפֿונען אויפֿרופֿן קעגן דײַטשן אָקופּאַנט.

הײַנט באַקומען אַ פּערזענלעכן און שריפֿטלעכן גרוס פֿון אַלע מײַנע נאָענטע אין וואַרשע. זיי גריסן און זאָגן צו הילף.[66]

## דאָנערשטיק דעם 28סטן אויגוסט [1941]

וואַרשע. זאָל איך מיך נישט שעמען אויסצוזאָגן: שווער מיר וועגן דעם צו דערמאָנען, אָבער וויפֿל מאָל האָב איך שוין געוויינט צוליב דער מאַמעשטאָט זינט איך האָב איר פֿאַרלאָזן אין מײַן גלות־וועג? הײַנט האָבן מיר זיך ווידער געגאָסן טרערן פֿון די אויגן ווען איך האָב אויסגעהערט אַ גענויעם און באַריכותדיקן גרוס פֿון וואַרשע.

עטלעכע צוואַנציק יאָר געזעלשאַפֿטלעכע טעטיקייט אין וואַרשע. יעדער שטיין איז מיר נאָענט. אַלץ האָט אין מיר געפֿיבערט ווען מען האָט דערציילט וועגן דעם.

וואָס קומט דאָרט פֿאָר?

ביז איצט זענען מיר געווען אָפּגעשלאָסן מיט אַ דײַטש־רוסישער גרענעץ. איצט איז דער ערשטער גרוס אונטער דער דײַטשער הערשאַפֿט.

קורץ, וואָס דערציילט מען?

אין וואַרשע שטאַרבן טעגלעך 500 מענטשן. די אָרעמקייט און דער הונגער איז אַזוי גרויס, אַז עס זענען פֿאַראַן זייער אַ סך פֿאַלן, ווּ עס איז נישטאָ פֿאַר וואָס מקבר צו זײַן מתים. דאַן דער אויסוועג — מען וואַרפֿט אַרויס די מתים אין גאַס. פּשוט און אָן צערעמאָניעס. פֿון דער צווייטער זײַט איז פֿאַראַן זייער אַ סך ייִדן וואָס זענען בײַ די דײַטשן געוואָרן מיליאָנערן.

אַ שפּאָגל נײַע פּלוטאָקראַטיע!

די דאָזיקע „נײַע מענטשן" לעבן ווי פֿאַר דער מלחמה. אין געטאָ פֿעלט גאָרנישט אויס, וואָס מען וויל אַבי מען האָט נאָר געלט. מען זאָגט, אַז די ייִדישע קהילה באַשטימט אַפֿילו דעם... קורס פֿון דאָלאַר. אַזאַ כּוח האָט דאָרט די קהילה. די געבײַדע פֿון די וואַרשעווער גערעכטן אויף לעשנאָ איז דער צענטראַלער פּונקט ווּ מען טרעפֿט זיך מיט דער אויסערלעכער וועלט. פֿון לעשנאָ גייען אַרײַן ייִדן. פֿון אָגראָדאָווע — נישט־ייִדן. דער הויף איז דער טרעפֿפּונקט. אַ דערלויבעניש צו קאָנען אַרויס פֿון געטאָ האָבן נאָר איינצלנע

---

[66] געמיינט די בונדישע אונטערערדישע באַוועגונג אין וואַרשע. פֿון ווײַטערדיקע פֿאַרצייכענונגען איז קלאָר אַז אין פּרט פֿון הילף איז געווען אַ פֿאַרבינדונג צווישן וואַרשע און ווילנע.

ייִדן. מערסטן טייל צושטעלער פֿאַר מיליטער, ראַטמענער פֿון דער קהילה א״אַ.

אין וואַרשע דערשײַנט אומלעגאַל אַ ייִדישע צײַטונג פֿון „בונד“, אַ צײַטונג פֿון „צוקונפֿט“[67] און אַ צײַטונג פֿון דער „צוקונפֿט“ אין פּויליש. עס דערשײַנען אויך 3 אומלעגאַלע פּוילישע טאָגצײַטונגען. איינע צווישן זיי איז דער אָרגאַן פֿון פּפּ״ס רוּוּנאָשטש, וואָלנאָשטש, ניעפּאָדלעגלאָשטש.[68] אין גאַנצן לאַנד דערשײַנען 46 אומלעגאַלע צײַטונגען. פּפּ״ס מיט „בונד“ אַרבעטן אין אַן ענגן קאָנטאַקט.

איך פֿאַרשרײַב די דאָזיקע ידיעות נאָר דערפֿאַר, כּדי מיט דער צײַט, אויב איך וועל דאָס דערלעבן, קענען עס קאָנטראָלירן ווי אַזוי ידיעות זענען צו אונדז דערגאַנגען. עס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער געשאַפֿענער לאַגע און פֿאַר דעם טרויעריקן מצבֿ אין וועלכן מיר געפֿינען זיך.

אָפּגעריסן פֿון דער וועלט און אָפּגעשיידט פֿונעם נאָענטסטן אַרום.

## פֿרײַטיק דעם 29סטן אויגוסט [1941]

איך אַרבעט שוין דעם דריטן טאָג. האָב שוין געקערט דעם הויף, געפֿירט אַ טאַטשקע און איצט שלעפּ איך אײַזן, שלעסער, שרויפֿן אאַז״וו. צי איך בין צופֿרידן? — אייגנטלעך יאָ. איך בין צופֿרידן דערפֿאַר, וואָס איך בין, לײדער, אַן אַקטיווער אָנטייל־נעמער אין דעם אַלעם וואָס די ייִדישע פֿאָלקסמאַסן מאַכן מיט, הער זיך צו צו זייערע ווייען, זע ווי זיי זענען פֿאַריער און געצוווּנגען מיטצוהעלפֿן היטלערן אין זײַן מפּלה, וועלכע מוז שפּעטער צי פֿריִער קומען.

די ריזן־אונטערנעמונג, ווו איך אַרבעט, איז פֿריִער געווען אַ באַזע פֿון מעטאַל־אויסאַרבעטונגען, נאָך פֿריִער — אַ גרויסע ייִדישע מעטאַל־אונטערנעמונג. לעצטנס איז דאָ פֿאָרגעקומען פֿריִער די באָלשעוויזאַציע, איצט די היטלעריזאַציע. איך קוק זיך צו:

די ליטווינער אונטער דער אָנפֿירונג פֿון אַ דײַטש פֿירן אָן מיט דער אונטערנעמונג. קיינער קאָן זיך נישט אויף דער בראַנזשע און קיינער פֿאַרשטייט זיך נישט דערויף. אויף דעם איז פֿאַראַן אַ ייִד מיט אַ „לאַטע“, וואָס אַרבעט אויף די זעלבע רעכט וואָס איך. דער זעלבער איז געווען אַרויסגעפֿאָרן אויף טאָרפֿאַרבעט. די דײַטשן האָבן זיך וועגן אים דערוווּסט און אים פֿון דאָרט אַרויסגעשלעפּט. איצט איז ער דער איינציקער קענער און מבֿין. אַלע קומען צו אים און פֿאַר אַלע איז ער דער אויפֿקלערער און אויסטײַטשער.

איך קוק זיך צו. אַלע באַאַמטע דאָרט האָבן הײַנט באַקומען דעפּוטאַטן,[69]

[67] יוגנט־בונד „צוקונפֿט“ אין פּוילן — די יוגנט־אָרגאַניזאַציע פֿון „בונד“. וועגן דער פּרעסע פֿון דער „צוקונפֿט“ אין וואַרשעווער געטאָ זען מ. זעלדין, „די צוקונפֿט־אַרבעט אין געטאָ“, יוגנט־וועקער, נומ׳ 1 (וואַרשע, פֿעברואַר 1947).

[68] דער נאָמען פֿון דער דאָזיקער צײַטונג איז געווען *WRN*, וואָס האָט באַטײַט Wolność, Równość, Niepodległość (פֿרײַהייט, גלײַכהייט, אומאָפּהענגיקייט). קרוק האָט געמאַכט אַ טעות אין סדר פֿון די ווערטער.

[69] שפּײַזפּאָרציעס.



ווײַסע מעל, שאַרע זייף, שוועבעלעך, רײַז א״אַנד — אַלץ זאַכן, וואָס זענען בײַ אונדזערע איצטיקע באַדינגונגען מער ווי גאָלד. אַז קיינער פֿון אונדז באַקומט דאָס נישט, דאָס איז „זעלבסט־פֿאַרשטענדלעך“; אַז אויך דער ייִד, דער מבֿין, דער ספּעץ, און איינער פֿון זייערע וויכטיקסטע מיטאַרבעטער באַקומט דאָס נישט, דאָס איז שוין, מן־הסתּם, מער ווי חזירײַ.

אָבער גיי רעד מיט „זיי“ וועגן חזירײַ?...

### וועלפּקע

לײדער, ערשט הײַנט זיך דערוווּסט, אַז דער באַרימטער וועלפּקע איז שוין זינט אַ לענגערע צײַט אַרעסטירט.

ווער איז וועלפּקע? דאָס איז אין ווילנע דער אינהאַבער פֿון אַ ליטעראַרישער קיבעצאַרניע אויף ייִדישער [גאַס] 4. וועלפּקע, דער רעסטאָראַטאָר, איז אַרײַן אין דער ייִדישער ליטעראַטור נישט נאָר דורך די ווילנער, נאָר דורך פֿיל, פֿיל ייִדישע שרײַבער און קינסטלער פֿון גאָר דער וועלט. זײַן אין ווילנע און נישט זײַן בײַ וועלפּקען, האָט געהייסן נישט קענען ווילנע.[70]

וועלפּקע איז אַלזאָ אויך אַ קרבן!

### אַ ייִד דאַרף נישט קיין דאָקומענטן

אַ באַקאַנטער, וועמען די באָלשעוויקעס האָבן באַפֿרײַט בעת זייער אַנטלו[יפֿן], וואָס האָט מיר זײַנער צײַט אָפּגעגעבן גרוסן פֿון מײַנע חח׳ פֿישגר. און בל.[71] וועגן דעם אַז ער צוזאַמען מיט זיי זענען אין לידע געשטעלט געוואָרן דורך די באָלשעוויקעס צו דער וואַנט, דער זעלבער האָט דאָ אַרבעטנדיק בײַ די דײַטשן צופֿעליק פֿאַרלוירן זײַנס אַ דאָקומענט. די דײַטשן האָבן עס אים פֿעסטגעשטעלט און שוין 10 טעג ווי ער לויפֿט פֿון אַמט צו אַמט מיט דער ביטע אים אויסצושטעלן אַ דאָקומענט אַז ער איז טאַקע ער. איינער שיקט אים צום צווייטן און קיינער וויל עס נישט מאַכן. יעדער געפֿינט אַ צווייטן אויסרייד. ענדלעך הײַנט האָט אים אַ קאָמיסאַר פֿון אַ פּאָליציי־אַמט געענטפֿערט קורץ און בינדיק:

— מיר מאַכן נישט אַזעלכעס. אַ ייִד דאַרף נישט קיין דאָקומענטן!...

קורץ און בינדיק!

### סאַבאָטאַזש

מען גיט דאָ איבער ווי אַ פֿאַקט: די שאָסייען אַרום ווילנע זענען אָפּט באַדעקט מיט גלאָז. די דײַטשע אויטאָרעדער פּלאַצן דערפֿון. מען גיט דאָס איבער ווי אַ באַווײַז פֿון סאַבאָטאַזש־אַקטן, וועלכע האָבן דאָ אַן אָרט.

[70] וועלפּקעס פֿאַמיליע־נאָמען איז געווען אוסיאַן.

[71] ס׳האַנדלט זיך דאָ וועגן פּערזאָנען וואָס זענען סוף 1939־אָנהייב 1940 אַרעסטירט געוואָרן בײַם וועלן אַריבערגיין די גרענעץ צווישן סאָוועטיש אָקופּירטן טייל פּוילן קיין ווילנע. זיי זענען געזעסן אין לידער תּפֿיסה. איינער פֿון זיי איז געווען סאַלאָ פֿישגרונד, אַ בונדישער טוער פֿון קראָקע (איצט אין וואַרשע). ווער עס איז געווען בל. איז ניט קלאָר. צוזאַמען מיט פֿישגרונדן איז אַרעסטירט געוואָרן דער בונדישער טוער פֿון קראָקע לעאָן פֿײַנער. עס איז מעגלעך אַז בל. איז דער וואַרשעווער בונדיסט חיים בער בלאָנדמאַן, אַ זעצער אין דער פֿאָלקסצײַטונג.